66.145

# HONOUR SCHOOL OF MODERN LANGUAGES

# JOINT HONOUR SCHOOLS WITH MODERN LANGUAGES

## XII

### Optional Subject

### 45. Modern Yiddish Literature with Prescribed Texts

---

*Candidates must answer* **three** *questions, one of which must be chosen from nos. 1–3. Do not make any one author the principal subject of more than* **one** *question.*

*Candidates must write the exact title and the number of their Optional Subject in the space provided for this purpose in the answer-book.*

**1.** Translate the following passage. How would you characterize the style? What are the key concepts being discussed here?

די וויסנשאַפטלעכע באַאַרבעטונג פון אונדזער שפראַך ליידט פיל פון די איינגעוואָרצלטע פאָראורטיילן, וואָס הערשן ביי אונדזער אינטעליגענץ בנוגע צו יידיש. נאָך עד היום געפינען זיך ביי אונדז פיל, וואָס זיי זעט אויס קאָמיש דער עצם געדאַנק וועגן אַ יידישער פילאָלאָגיע. פונקט אַזוינע גראָב־עם־הארצישע טענות, ווי „יידיש איז אַ שמוציקער זשאַרגאָן״, „יידיש איז אַ פאַרדאָרבענער דייטשער דיאַלעקט, וואָס האָט ניט קיין גראַמאַטיק און קיין שום קולטורעלן ווערט״ — פונקט דאָס אייגענע האָבן גערעדט מיט אכציק אָדער הונדערט יאָר צוריק די רעאַקציאָנערע פאָלקספיינדלעכע פּאַלש־אינטעליגענטן ביי די גריכן, ביי די סערבן, און נאָך עד היום טיילווייז ביי די אוקראַינער, קאַטאַלאַנער א. ד. גל. נאָר דאָס לעבן האָט געמאַכט צו נישט די באַמיונגען פון די פאָלקספיינדלעכע קנאים. די ניי־גריכישע, סערבישע און אַנדערע פאָלקסשפּראַכן באַפרייען זיך אַלץ מער און מער פון דער קולטורעלער פאַרשקלאַפונג און טרעטן אַרויס מיט ברייטע שריט אויפן וועג פון נאַציאָנאַלן שאַפן. אַ וויסנשאַפטלעך־געבילדעטן פילאָלאָג שטייט גאָר בכלל ניט אָן צו דיסקוטירן מיט די אָנגעוויזענע יידיש־פיינדלעכע טענות.



Turn over.

**2.** Translate the following passage and comment on its style. How does the passage reflect the themes of the work as a whole?

ס ע נ ס א צ י ע ס א ו ן ר א מ א נ ע ן.

ווי אין דער גאנצער וועלט, האלט זיך די כתרילעווקער פרעסע אויף די אויסערגעוועהנליכע נייעס פון טאג, אויף סענסאציעס. נישט מעהר, אויף דער גאנצער וועלט איז דאס מיט א מאס, אין כתרי־לעווקע ווייסט מען נישט פון קיין מאס — און אלץ צוליעב דער קאנקורענציע. למשל: ברענגט „דער קאפעליש" א נייעס, אז אין פראנקרייך האט א פרוי נעבוירען א קינד מיט צוויי קעפ, — גע־פינט איהר אויף מארגען דאס זעלבע נייעס אין דער „יארמעלקע", נאר א ביסעלע צוגעפעפערט: אז אין פראנקרייך האט א פרוי גע־בוירען א קינד מיט ד ר י י קעפ, דאס קינד לעבט און עסט מיט אלע דריי מיילער... אדער דעם „קאפעליש" איז נעראטען צו ברענ־גען א נייעס, אז אין מיטען יולי איז אין אדעס אויסגעפאלען א מורא'דינער שניי, ווי אין ווינטער, — האט נעחאפט אויף מארגען „די יארמעלקע" און האט נעגעבען דאס זעלבע נייעס, נאר א ביסעלע שטארקער, אז אין אדעס איז אויסגעפאלען אין מיטען יולי א שניי אויף דריי קלאפטער, עטליכע און צוואנציג מאן האט מען געפונען נעפרוירענע.

**3.** Translate the following passage and identify the characters. Comment on the imagery employed in the discussion and on the importance of its theme for the work as a whole.

חנן: (טראַכטנדיק אַ ווײַלע) די עובֿדה פֿון צדיקים באַשטייט אין דעם, וואָס זיי רייניקן־אָפּ מענטשלעכע נשמות, רײַסן פֿון זיי אַראָפּ די קליפּה פֿון זינד און הייבן זיי אויף צו זייער ליכטיקן מקור. די עובֿדה איז אַ שווערע, וואָרעם „בײַ דער טיר הויערט די זינד". אָפּגערייניקט איין נשמה, קומט אויף איר אָרט אַן אַנדערע, אַ באַפֿלעקטע מיט נאָך מער זינד. געבראַכט צו תשובֿה איין דור, קומט אויף זײַן אָרט אַן אַנדערער, נאָך אַ מער האַרטנעקיקער... און די דורות ווערן אַלץ שוואַכער און די זינד אַלץ שטאַרקער, און צדיקים — אַלץ ווייניקער.

העניך: וואָס זשע דאַרף מען נאָך דײַן שיטה באַך טאָן?

חנן: (שטיל, נאָר זייער זיכער) מ'דאַרף נישט קיין מלחמה האַלטן מיט דער זינד, נאָר אויסבעסערן זי. ווי אַ גאָלדשמיד לײַטערט גאָלד אין אַ שטאַרקן פֿײַער, ווי אַן ערדאַרבעטער זיפּט־אָפּ פֿולע קערנער פֿון פּוסטע קאָסטרע, אַזוי דאַרף מען אויסלײַטערן די זינד פֿון איר טומאה, אַזוי אַז אין איר זאָל בלײַבן נאָר קדושה...

העניך: (פֿאַרוואונדערט) קדושה אין זינד? פֿון וואַנען קומט דאָס?

חנן: אַלץ, וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן, האָט אין זיך אַ פֿונק פֿון הייליקייט...

העניך: זינד האָט באַשאַפֿן נישט גאָט, נאָר די סיטרא־אַחרא!

חנן: און ווער האָט די סיטרא־אַחרא באַשאַפֿן? אויך גאָט.

**4. Either,** In what sense, if any, can An-ski's *Dibek* be described as a mystical work?

**Or,** Is the *Dibek* a vehicle for social or moral criticism of the life and customs that are portrayed?

**5. Either,** How would you characterize Borokhov's approach to Yiddish? Contrast it with any other view with which you are familiar.

**Or,** What is the logic of Borokhov's position? What was he reacting against?

**6.** **Either,** How does Sholem Aleykhem present the writer and 'modern' culture in *Kasrilevke progres*?

**Or,** Discuss the role of the narrator and of narrative technique in *Kasrilevke progres*.

**7.** **Either,** What is the nature of Halpern's pessimism?

**Or,** Contrast the poetry of Mani Leyb with that of Halpern.

**8.** How does Bashevis present human psychology and the forces that act upon it?

**9.** Contrast any **two** of the authors with regard to the ways in which their writings reflect the 'modernization' of Jewish life in Eastern Europe.

**10.** Contrast any **two** of the authors in respect of their portrayal of the Eastern European *shtetl*.

**11.** Discuss the theme of cultural dislocation with reference to **one or more** of the prescribed authors.